בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

פ' מטות
תשע"א

# פ' מטות תשע"א



## ✪ א גרוס פון לאנדאן

ב"ה אז דער מנהל איז שוין ענדליך צוריק געקומען פון לאנדאן אין א מזל'דיגע שעה, וואו ער האט געוויילט דארט צוליב א משפחה שמחה. לכ' דעם צוריק קומען האבן אלע קינדערלעך באקומען א קליינע מתנה'לע א אנדענק פון דעם עיר הבירה לאנדאן יצ"ו.

וויילענדיג אין לאנדאן האט דער מנהל געהאט די גילעגנהייט צו באזוכן די תלמוד תורה אין לאנדאן אין זעהן פון די נאנט די געטרייע ארבעט וואס די ארטיגע מלמדים לייגן אריין אין די קינדערלעך שיחיו, מיט וועמען מיר ארבעטן אינאיינעם אין פארשידענע גילעגנהייטן. ארום גייענדיג אין די קלאסן האבן די קינדערלעך געזונגען שיינע ניגונים און דערציילט שיינע זאכן וואס זייער רבי האט אויסגעלערנט. עס האט זיך שטארק אנגעזעהן די צופרידנהייט פון די טייערע קינדערלעך און אויף זייערע פנימ'ער שרייט זיך ארויס "כי הם זרע ברך ד'".

מיר וואונטשן זיי אלע אז זיי זאלן מצליח זיין אין זייער עבודת הקודש, זיי זאלן קענען אנגיין מיט די הייליגע ארבעט אויף א גרינגן אופן מיט הרחבת הדעת און סייעתא דשמייא.



## ✪ טבילת כלים אין קינדערגארטן

(פאר די פרי כתה א' - קינדערגארטן - נורסערי קינדער ) אין פרשת מטות לערנען מיר איבער די מצוה פון "טבילת כלים". אז יעדע נייע כלי וואס מ'קויפט צב"ש א גלעזל, א לעפל, א טעללער אא"וו. דארף מען טובל'ן אין וואסער, נאכדעם קען מען דאס ערשט נוצן.

מיר לערנען זיך אויס נייע ווערטער, וואס דאס מיינט טובלן.. אין א מקוה... מיין רבי האט מיך גענומען צו א שטוב ווי מיר האבן געקויפט מיט א דוללער א זילבערנע לעפל. און דערנאך האבן מיר געטובלט די לעפעלע אין א כמו מקוה – וואסער. עס איז געווען זייער אינטערעסאנט אין באלערנד. גלייכצייטיג לערנען מיר זיך אויס נייע ווערטער, וואס דאס מיינט טובלן.. אא"וו...



## ✪ בלעם אין די לופטן

(פאר די גרעסערע קינדער) ווער ווייסט נישט די מעשה פון בלעם וואס האט זיך געמאכט פליגעלעך פון כישוף און איז געפלויגן אין די לופטן אזוי ווי א פייגעל.

מיר זעהן א "בלעם" (באלונען) וואס פליט זייער הויעך ארויף ארויף זייער ווייט.

דערנאך איז געקומען א אינגל אזוי ווי פנחס (יושע פנחס פרידריך – פנחס ווייס) און האבן געוויזן א ציץ פאר דעם בלעם און ער איז אראפ געפאלן...

א גרויסן יישר כח פאר אלע חשובע מלמדים הרוצים בעילום שמם וואס האבן זיכער געמאכט אז אלע אקטיוויטעטן זאלן אנגיין ווי געהעריג אפי' דער מנהל איז נישט געווען דאהי.....

